# פרשת ויקהל-פקודי

**בס"ד. שיחת יום ב' פ' ויקרא, כ"ה אדר ה'תשמ"ח**

**, יום הולדת הרבנית הצדקנית מרת חי' מושקא נ"ע זי"ע**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

אט דא קומט די הצעה, און ס'וועט זיין דער גרעסטער זכות פאר דער נשמה, אז אין צוזאמענהאנג מיט איר נשמה און מיט איר עלי' - וועט מען איינפירן אט דעם מנהג -

אז מ'זאל איינפירן בא אידן, אז מ'זאל אנהויבן פראווען "יום הולדת".

וואס אע"פ וואס אין דורות שלפני זה איז דאס געווען מערניט ווי בא **יחידי סגולה**, און אויך ניט מיטן גאנצן פרסום, כידוע אין סיפורי פון נשיא דורנו, פון רבי'ן דעם שווער -

האט ער אבער דערנאך מגלה געווען וועגן אט דעם מנהג,

און האט דאס מגלה געווען אין אזא אופן אז דאס זאל **נתפשט** ווערן, און די בעסטע ראי' אויף דערויף איז - אז דאס ווערט דאך נתפשט, הלוך והוסף ומתפשט וגדול והולך אין די פעולה רוחנית שבדבר,

כמדובר כמה פעמים, וואס אויך ווי נשיא דורנו האט געזאגט, אז דער ענין פון יום הולדת איז - איז דער תוכן פון "והחי יתן אל לבו":

ער מאכט א חשבון-צדק, אז ס'איז דורכגעגאנגען א יאר, און ס'הויבט זיך אן א **נייער** יאר - מאכט ער א חשבון-צדק פון דעם **עבר**, כדי צו משלים זיין, און בשעת ס'איז **שוין** געווען בשלימות - כדי צו **מוסיף** זיין, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, סיי באיכות און סיי בכמות, אין דער שנה וואס הויבט זיך איצטער אן.

ובמיוחד אז ער באקומט דאך א התגברות מיוחדה דורך דערויף וואס "**מזלו** גובר",

און ער ווערט דאך אנגערופן בשם "מזל", ווי עס שטייט אין ספרים, דערפאר וואס פון אים **קומט אראפ**, פון לשון "הזלה", "תזל אמרתי" - קומט אראפ ביז אין גוף הגשמי, ביז (אין מעשה) אין כח המעשה שלו, ביז אין מעשה בפועל,

וואס דאס איז אויך די הצעה האמורה, אז מכאן ולהבא וואלט געווען א דבר הכי נכון, און די וואס זיינען זיך **בלאו הכי נוהג בזה** - זאלן נאך **מוסיף** זיין בזה,

אז בשעת ס'קומט א יום הולדת פון די עלטערן, און נאכמערער בשעת ס'קומט א יום הולדת פון די קינדער, ביז קטני קטנים -

דארף מען זיי מסביר זיין, די עלטערן זיך אליין, און ארום זיך, און אויך מסביר זיין צו די קינדער אין די אותיות לפי הבנתם,

אז זיי זאלן וויסן זיין, אז וויבאלד זיי זיינען געווארן עלטער מיט א יאר - איז פארשטאנדיק אז דאס איז דערפאר וואס זיי דארפן ווערן עלטער **ברוחניות**, בדרך ממילא פועל'ט דאס אויך אויפן **גשמיות**,

ווארום בא יעדער אידן און ביי אלע אידן איז דאך גשמיות א **תוצאה** פון די חיים הרוחניים; "עושים נשמתם עיקר וגופם טפל", (ועמך) וואס דאס גייט דאך אויף "עמך כולם צדיקים",



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויקהל-פקודי

און זיך מתבונן זיין, כאמור, אין דעם סך-הכל פון דעם יאר וואס איז אוועק געגאנגען, און דאס זאל זיין א **יסוד** און א **בנין** וואס אויף דערויף בויט מען אן "**עלי'**" - אויך פון לשון הולך ועולה מדרגא לדרגא, ביז אין אן אופן פון בלי גבול, בכל עניני טוב וקדושה.

וכמדובר, אז וויבאלד אז "מזלו גובר", וואס דאס שטייט דאך אויף יעדערן וואס יצא לאויר העולם, במילא איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז דאס האט אויך א שייכות צו **קטני קטנים**, אבער מיט זיי איז בשעת הגיעו לגיל חינוך קען מען זיי דאס מסביר זיין זיכער אין די אותיות וואס זיי וועלן דאס אויך פארשטיין,

און דער עיקר - דאס וועט בא זיי אויך ברענגען למעשה בפועל, אז בא זיי וועט צוקומען נאכמערער אין די מעשים טובים, בנוגע צו **הנהגה טובה**, וואס וועט פארשאפן נחת-רוח אמיתי צו די **עלטערן**, ביז צו **כלל ישראל**, ביז, כביכול, צו עצמות ומהות.

און "מסביר" זיין אויך זיך אליין, דורך דער התבוננות אליבא דנפשי', אז ער איז געווארן **עלטער** מיט א יאר - איז א זיכערע זאך אז ער דארף ווערן **קליגער** מיט א יאר, איז א זיכערע זאך אז ער דארף ווערן **פרימער** מיט א יאר - נאכמער התקשרות מיטן אויבערשטן,

*

וואס דאס איז אויך די נקודת ההצעה, אז מ'זאל איינפירן,

אע"פ וואס ס'איז דא אזוינע וואס טענה'ן אז ס'איז דא אזוינע וואס ביז איצטער האבן זיי דאס ניט געטאן - זעט מען דאך, אז בשעת ס'קומט-צו אין די ענינים **בלתי**-רצויים - איז דאך עאכו"כ אז ס'דארף צוקומען אין ענינים רצויים,

ווארום דער גאנצער ענין פון **בלתי**-רצוי איז - כדי עס זאל צוקומען אן עלי' אין די עניניים רצויים, וכאמור - אין אן אופן באין ערוך.

וכאמור אויך - זיך מתבונן זיין אין יום ההולדת,

© 2003 Jewish Educational Media, Inc.